מענדעלע מוכר־ספרים. געקליבענע ווערק אין איין באַנד (קיעוו-כאַרקאָוו, 1936)
קאָמענטאַר פון ל. שעכטער

# די טאקסע

## טיטל און פּאָרוואָרט.

1. מענדעלע מויכער־ספאָרים — מענדעלע דער ביכער־פּאַרקויפער, דער פאקנטרעגער. א ליטעראַרישער פּערסאָנאַזש בא אבראמאָוויטשן. ער פאָרט ארום איבער יידישע שטעט און שטעטלעך מיט א פערד און ביידל, האנדלענדיק מיט טפילע־ספאָרים (סידורים, מאכזיירים, טכינעס), מיט אנדערע רעליגיעזע מאכשירים און מיט מייסע־ביכלעך. אין זיין נאָמען ווערן דאָס געפירט די דערציילונגען. אָנגעהויבן פונעם יאָר 1868 (ערשטע אויסגאבע פון „פישקע דער קרומער") פיגורירט אפ די טיטל־בלעטער פון אבראמאָוויטשעס ווערק דער נאָמען מענדעלע מויכער־ספאָרים אלס דער קלוימערשטער ארויסגעבער פון די ווערק און מעמיילע אויך אלס ליטעראַרישער פסעוודאָנים פונעם אווטער.

2. טאקסע — קאָראָבקע־(קעסטל־)אָפּצאָל, א ספעציעלער אומדירעקטער שטייער, שטאמט פון אלט־פּוילן, ווו די יידישע קעהילעס (געמיינדעס) האָבן איינגעפירט א ספעציעלן אָפּצאָל פון דער יידישער באפעלקערונג אפ צו דעקן די כוי־וועס פון דער קעהילע. אין צארישן רוסלאנד איז דער קאָראָבקע־אָפּצאָל פארבליבן אין אלע שטעט און שטעטלעך פונעם יידישן „טכום" (ערטער, ווו יידן האָבן געהאט וווינרעכט). (די אלגעמיין־מעלוכישע שטייער־פליכט („פאָדושנע") האָט די יידישע באפעלקערונג געטראָגן אפ זיך, באגלייך מיט דער איבעריקער באפעלקערונג, אין אָרדענונג פון קעגנזייטיקער אָרוועס). לויט די צארישע טאקאָנעס („פּאָלאָזשעניע") פון 1829 און 1844 זענען געווען איינגעשטעלט צוויי מינים קאָראָבקע־אָפּצאָל: 1) אלגעמיין־גרונטיקער — פון קאָשער פלייש (וואָס איז דערלויבט צו עסן לויט דער רעליגיע), פאר שעכטן פי און אויפעס און 2) באהילפיקער — פון אייניקע האכנאָסעס. דער לעצטער אָפּצאָל, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר א דירעקטן שטייער און וואָס האָט געקאָנט דעריקער אָנרירן די פארמעגלעכע שיכטן פון דער באפעלקערונג, פלעגט אין דער מערהייט שטעט פאקטיש ניט אופגעמאָנט ווערן, סיידן אין פאלן, ווען עס האָט געלוינט פאר די קאָהאָלס־לייט. די מיטלען פון דעם קאָראָבקע־אָפּצאָל זיינען געגאנגען, לויט די צארישע טאקאָנעס, אפ צו דעקן „נעדאָימקעס" (ניט־דערצאָלטער שטייער) פונעם אלגעמיין־מעלוכישן שטייער, וואָס עס קומט פון דער יידישער באפעלקערונג, און אפ אזויגערופענע געזעלשאפטלעכע באדערפענישן, ווי אויסהאלטן קאזיאָנע שולן, שטיצע די קראנקען־הייזער א. אז. וו. פאקטיש פלעגן די קאָראָבקע־סומעס אין זייער גרעסטן טייל פארשווענדעט ווערן דורך די קאָהאָלס־לייט און פאָרשטייער פון דער צארישער אדמיניסטראציע. דער טייל, וואָס איז אָנגעקומען אין קאזנאטשייסטווע, פלעגט אין א גרויסער מאָס אויסגענוצט ווערן אפ אויסהאלטן פּאָליציי־באאמטע, אפ שטיצן די קאנצעליאריע פונעם גובערנאטער און אפ אויסהאלטן ספעציעלע טשינאָווניקעס, וואָס זאָלן נאָכשפּירן, אז די מעלוכישע פארפאָלגונגען פון יידן זאָלן דורכגעפירט ווערן אין לעבן. דער קאָראָבקע־אָפּצאָל האָט עקזיסטירט אין רוסלאנד ביז דער רעוואָליוציע אינעם יאָר 1917.

דייס באשטימען די גרייס פונעם קאָראָבקע־אָפּצאָל, דאָס איינשטעלן די טאקסע אפ יעדן איינצל פונעם באשטייערונג־אָביעקט (פון פונט פלייש, שטיק פי), ווי אויך דאָס צונויפשטעלן די סמעטע פון האכנאָסע און הויצאָע פון די קאָראָבקע־מיטלען — איז לויטן צארישן געזעץ געווען איבערגעגעבן צו די שטאָט־פאָרוואלטונגען. אפ זייערע זיצונגען, באראטונגען און קאָמיסיעס וועגן דעם דאָזיקן איניען האָבן די פאָרוואלטונגען באדארפט איינלאדן „איינגעזעסענע און פארמעגלעכע מיטגלידער פון דער יידישער געזעלשאפט", ד. ה. די יידישע האנדל־אָליגארכיע, די באל־אייצעס און טאקיפים. אָט די „איינגעזעסענע און פארמעגלעכע" זענען געווען די פאקטישע באלעבאטים איבער דעם קאָראָבקע־אָפּצאָל און האָבן באוואָרנט זיין רעגרעסיוון כאראקטער, ער זאָל מיט זיין גאנצער לאסט פאלן אפ די פלייצעס פון די באלמעלאָכעס און אָרעמשאפט.

דער אָפּצאָל פלעגט אָפּגעגעבן ווערן אין פאכט (אָפּקוים) אפ פיר יאָר. דער פאכטער, אָדער באלטאקסע, איז געווען דער מאָנאָפּאָליסט פונעם פלייש־פאַרקויף און פון שעכטן פי און אויפעס אין יעדן געגעבענעם יידישן יישעוו. אין אייניקע ערטער, ווי דאָס קומט פאָר אויך אין דער „טאקסע", פלעגן אָפּקויפן דעם אָפּצאָל די פּאָפּעטשיטעליעס פון קאָהאָל (זע באמערקונג 11), דער רעוועך זאָל קלוימערשט גיין אפ די „באדערפענישן פון דער שטאָט". די עקספּלואטאציע פון דער אָרעמשאפט דורך דער טאקסע איז דאן געגאנגען אבסאָליוט אומגעשטערט.

די גרייס פונעם אָפּצאָל אפ קאָשער פלייש האָט זיך אין פארשיידענע יישוווים און צייטן געוואקלט פון דריי ביז זעקס — זיבן קאָפּעקעס אפ אן אָקע פלייש (אָקע — 3 פונט אָדער 1200 גראם). אינעם צווייטן אקט פון דער „טאקסע" באשליסן די רעדלפירער צו דערפירן דעם פרייז אפ אן אָקע פלייש ביז צו 32 קאָפּעקעס, באם געוויינלעכן (אין די 60־ער יאָרן) פרייז 14־16 קאָפּעקעס אג אָקע ניט־קאָשער פלייש.

3. געליבט איז דער בורע (באַשעפער, גאָט) — א פּאַראָדיע אַפנ כטיל פונ ראַבאָנישע ספאָרים, וואָס זייערע לאַנגע מעליצעדיקע האַקראָמעס (פאָרווערטער) הייבנ זיכ געוויינלעכ אָנ מיט דער זעלביקער פראַזע.

4. ניִלעס — א טײַכ אינ עגיפּטנ, באַוווּסט צווישנ רעליגיִעזע יִידנ פונ די ביבלישע לעגענדעס וועגנ מיצראַיִמ.

5. טעטערעוו, גניִלאָפּיאַטקע — טײַכנ פונ דער דניעפּער־סיסטעמ אינ דער רעכטבּרעגיקער אוקראַיִנע, פליסנ פאַרבײַ זשיטאָמיר אונ בערדיטשעוו.

6. האָרע־כוישעכ — פינצטערע בערג, ד. ה. הויכע בערג, וואָס פאַרשטעלנ די זונשײַנ, באַצייכנט אויכ אומבאַשטימטע, זייער ווײַטע געגנטנ, עק וועלט.

7. מעקוימעס — ערטער, קאַנטנ.

8. גלופּסק — בערדיטשעוו. אינ דער „טאַקסע" ווערט אינ איינ אָרט דערמאָנט בערדיטשעוו; אינעמ „פריגאָוואָר" (באַשטימונג פונ דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג) לייענט שטאַנדהאַפט: „בערדיטש...ע, וו אונ טוואָרדע זנאַק".

9. אומעס — ניט־יִידישע פעלקער; האָסט אונדז אויסגעווײלט פונ אַלע אומעס — א סאַרקאַסטישע פּאַראָדיע אַפ דער פאַרשפּרייטער אינ די טפילעס פראַזע „אַטאָ בעכאַרטאָנו מיקאָל האָאָמימ" אונ אַפ דער שאָוויניסטישער גרויסהאַלטערײַ פונ די יִידישע קלעריקאַלנ.

10. געלײַטזעליקט — באַגליקט.

11. קאָהאָל — אָרגאַנ פונ זעלבסט־פאַרוואַלטונג אינ די יִידישע יִשוּווימ אינ פאַרשיידענע אייראָפּייִשע לענדער אינ מיטלאַלטער, אינ אַלט־פוילנ אינ 15 — 18 י. ה.; באַצייכנט אויכ די יִידישע געמיינדע גופע. נאָכ דער צעטיילונג פונ דער פוילישער מעלוכע האָט די צאַרישע רעגירונג איבערגעלאָזט דעמ קאָהאָל אינעמ געוועזענעמ טכומ אונ האָט אימ פאַרוואַנדלט אינ א באַהילפ־אָרגאַנ פונ דער אָרטיקער מאַכט מיט פּאָליצייִיש־פיסקאַלע פונקציעס: אויסמאָנענ שטײַערנ, צוגויפשטעלנ רעוויזיע־סקאַזקעס (צעטלענ פונ דער באַפעלקערונג צוליב אײַנשטעלנ די מעלוכע־פליכטנ), צושטעלנ רעקרוטנ א. אז. וו. פאָרמעל האָט דער באַשטאַנד פונ קאָהאָל באַדאַרפט אויסגעווײלט ווערנ דורכ דער באַפעלקערונג, וואָס צאָלט שטײַערנ, אונ באַשטעטיקט ווערנ פונ דער גובערניִאַלער מאַכט. פאַקטיש אָבער פלעגט די אָרטיקע מאַכט זעלבסט באַשטימענ די קאָהאָל־פירער, אויסטיילנדיק זיי פונ די רײַכע אונ בעקאָוועדיקע שיכטנ, וועלכע האָבנ צוגעשטעלט דער גובערניִאַלער אַדמיניסטראַציע די נייטיקע פריגאָוואָרנ (באַשטימונגענ פונ דער באַפעלקערונג, אָפט געפעלשטע). אינ פאַרשיידענע געגנטנ אונ צײַטנ איז די סטרוקטור אונ דער באַשטאַנד פונ קאָהאָל געווענ פאַרשיידנ. די ראַטמענער גופע זענענ באַשטאַנענ פונ ראָשימ אָדער פאַרנייסימ — עלצטע ראַטמענער, אונ פונ טוווי־האָיִר (די פײַנע לײַט פונ דער שטאָט) — ערנ־מיטגלידער. פאַר דער אַפּעראַטיווער אַרבעט פונעמ קאָהאָל איז געווענ א גרויסער שטאַט קאָהאָלס־לײַט: פּאָפּעטשיטעליעס מיט גאַבאָימ (אָנפירערס פונ וווילטעטיקע אײַנריכטונגענ אונ פונ פאַרשיידענע כעווראָס); פּאָפּעטשיטעליעס האָבנ אויכ געהייסנ די פאָרשטייער פונ קאָהאָל אָדער פונ דער יִידישער געמיינדע, וואָס פלעגנ צומאָל נעמענ די טאַקסע, קעדיי דער רעווענ זאָל קלוימערשט גיינ אַפ געזעלשאַפטלעכע צוועקנ. בויִרערימ מיט יאַשראָנימ (ריכטער אונ פאַרמיטלער; בויִרערימ האָבנ אויכ געהייסנ די וואַלמענער פונ קאָהאָל), שטאַדלאָנימ מיט פאָווערענעס (פאַרטרעטונגס־לײַט פונעמ קאָהאָל אינ די באַציִונגענ מיט די צאַרישע מאַכט־אָרגאַנענ אונ אַפ צושטעלנ דער רעגירונג רעקרוטנ), מאַשגיכימ מיט נעמאָנימ (אויפזעערנ אונ קאָנטראָליאָרנ), שרײַבער אונ רעסטער־פירער (צונויפשטעלער פונ צעטלענ אַפ אויסמאָנענ נעפּאַשע־שטײַער, אַנדערע ציל־שטײַערנ אונ פאַר רעקרוטנ), סבאָרשטשיקעס (אײַנקאַסירער) מיט אָצענשטשיקעס (אָפּשאַצער פונ האַכנאָסע־קוואַלנ), א. אז. וו.. אינ צאַרישנ רוסלאַנד, ווו די קאָהאָלס־לײַט זײַנענ געווענ באַזונדערס פאַרהאַסט בײַ דער ברייטער מאַסע באַלמעלאָכעס אונ אָרעמשאַפט, איז נאָכ געווענ א גאַנצער אַפּאַראַט ספּעציִעלע קאָהאָלשע זשאַנדאַרמענ: שטאָט־שקאָצימ, שלעגערס, „כאַפּערס", (פלעגנ כאַפּנ קאַנדידאַטנ אַפ רעקרוטנ צווישנ דער אָרעמשאַפט אונ אָפּגעבנ זיי אינ דינסט אָנשטאָט די זינ פונ רײַכע). דורכ דעמ דאָזיקנ אַפּאַראַט אונ דורכ א סיסטעמ פונ אונטערקויפנ אונ כאַבאַר האָט זיכ קאָהאָל פאַרוואַנדלט אינ א „אינערלעכנ" צוגאָב צו דער צאַרישער דעספּאָטיע אונ אינ א געשעפט־זאַכ בײַ די יִידישע טאַקיפימ צו דריקנ אַפ א שווידערלעכסטנ אופנ די האָרעפּאַשנע אונ אָרעמע יִידישע מאַסנ.

צו דער צײַט, אינ וועלכער ס'קומט פאָר די האַנדלונג אינ דער „טאַקסע", איז דער קאָהאָל שוינ אינ א גרויסער מאָס ניט נייטיק געווענ פאַר דער צאַרישער רעגירונג. פאַרקערט, קאָהאָל האָט אַפילע אָנגעהויבנ ווערנ א שטערונג פאַר דער צאַרישער אונטערדריקערישער אונ פיסקאַלער פּאָליטיק. אינ 1844 יאָר האָט די רוסלענדישע רעגירונג אָפּגעשאַפט דעמ קאָהאָל. די גאַנצע קנופּיע (קניפּל, געזינדל) קאָהאָלס־לײַט האָט פאַרגעזעצט איר עקזיסטענצ נאָכ עטלעכע צענדליק יאָר. מיט דער קראַפט פונ זייער עקספּלואַטירנדיקער איבערהאַנט, בײַ דער מיטהילפ פונ דער כאָפּטע קלייקוידעש (ראַבאָנימ, דאַיאָנימ, שאָכטימ א. אנד.) אונ בײַ דער פולשטענדיקער מיטשטיצע פונ די צאַרישע באַאַמטע האָבנ די טאַקיפימ א שטיק צײַט נאָכ דעמ באַוויזנ אײַנצוהיטנ זייער מאַכט. זיי פלעגנ אײַנפירנ פאַרשיידענע שוינ אומגעזעצלעכע „שטײַערנ" (קלוימערשט פאַר טאַלמעטוירעס אונ ביקער־כוילימס) פאַר זייער אייגענער קעשענע, אָפּגעבנ אינ כאַזאָקע (מאָנאָפּאָל) פאַבריקלעכ אונ זאַוואָדלעכ (די לאָקשנ־פאַבריק אינ דער „טאַקסע") אונ ביקלאַל לעקנ פונ דער קאָהאָלשער שיסל. אינ נאָמענ פונ קאָהאָל טרעטנ עס אַרויס די פּאָפּעטשיטעליעס מיט זייער גאַנצער קנופּיע אינ דער „טאַקסע" אונ באַרויבנ די מאַסנ אומגעשטערט (זע באַמ. 2).

12. פײַנעבריִעס — פרומע באַלעבאַטימ, בעקאָוועדיקע באַטלאָנימ אונ דייעזאָגערס אינ קאָהאָלשע איניאָנימ.

13. באַלטויוועס — מענטשנ, וואָס זײַנענ קלוימערשט אויסנ מיט זייערע טאַטנ בלויז יענעמס טויווע אָנ שומ אייגננוצנ.

14. באַהאַרצט — צוגעגעבנ מוט.

15. א טייל וועלנ אַפ מיר שטאַרק באַרויגעזײַנ — נאָכנ פאַרעפנטלעכנ די „טאַקסע" האָבנ די בערדיטשעווער באַלטויוועס, וואָס האָבנ זיכ דערקענט אינ די פּערסאָנאַזשנ, אָנגעהויבנ צו פאַרפאָלגנ אַבראַמאָוויטשנ, אונ ער האָט געמוזט פונ דאָרטנ אָפּפאָרנ.

16. מײַסע שעהאָיאָ קאכ האָיאָ — די מײַסע, וואָס איז געווענ, איז אזוי געשענ.

17. אָסער — כלעבנ (א פאָרמ פונ א נעגאַטיווער שווּע בא רעליגיִעזע יִידנ, אז עפּעס איז ניט פאָרגעקומענ).

18. מעקאבל געווענ — דערהאלטנ; טכילעס — צוערשט, פריִער; בליטשקענע — געשטריקטע פונ גראָבער וואָל; אוכדוימע — אונ דעסגלײַכנ.

19. לעהאָראבאָני האנאָגיד... — צומ רעבנ, דעמ באוווסטנ נאָגיד, אונדזער פירער דעמ ראָוו רעב מענדל זײַנ ליכט זאָל שײַנענ (א סטיל פונ בריוו־ווענדונגענ בא פרומע יִידנ).

20. הינײ — אזויוי; האָטאשעמ (נאָמענ) — איז באוווסט, בארימט.

21. בעכײנ — אלזאָ, דעריבער; מויכל זײַנ (אנטשולדיקנ) — זײַנ אזוי גוט.

22. קוינע זײַנ אוילעמ־האבע — אײַנקויפנ זיכ יענע וועלט, גאנײדנ.

23. שטוטשקעס — מיִעסע אײַנפאלנ, שפיצלעכ.

24. פראָשעניעס (אָנקלאָג־ביטעס) — דאָ געמיינט אָנקלאָגעס אינ די רעגירונג־אנשטאלטנ, אינ וועלכע די דער־שלאָגענע יִידישע אָרעמשאפט קלאָגט זיכ אפ די רעציכעס פונ די קאָהאָלס־לײַט אונ „זוכט דעמ עמעס" בא די צארישע טשינאָווניקעס.

25. אקלאָף — מיט איינ וואָרט; מעגאלע זײַנ — אנטפלעקנ.

26. קאמעטײַמימ — פארשיידענע מאָטיוונ.

27. קיטל — א ווײַסער לײַוונטענער כאלאט, וואָס פרומע יִידנ ציִענ אפ זיכ ארופ ראָשעשאָנע אונ יאָנקיפער באמ דאווענענ אונ ביקלאל באמ אָפריכטנ אייניקע אנדערע רעליגיִעזע ריטואלנ; שווערנ באמ קיטל אונ טאלעס — העכסטע פאָרמ פונ רעליגיִעזער שווּע.

28. ניצמעכ ווערנ — ארויסשפראָצנ, אנטשטיינ.

29. מיצווע — רעליגיִעזער געבאָט; טוט א מיצווע — דאָ: טוט א גוטע זאכ.

30. קסאוויאד — מאנוסקריפט; פארווענדט — איבערגעדרייט, פארפלאָנטערט; נעסיִעס — רײַזעס, ארומוואנדערונג.

31. באלצדאָקעס — מענטשנ וואָס שטיצנ אָרעמלײַט; איראָניש — מענטשנ, וואָס לעקנ אָ ביינדל בא צדאָקע־געשעפטנ.

32. סטראָפטשע — אוויעזד־פראָקוראָר אינ אלטנ רוסלאנד; גאָטס סטראפטשעס — פרומע יִידנ, וואָס מאכנ געשעפטנ אונטערנ אָנשטעל פונ אָנעמענ זיכ גאָטס קריוודע.

33. ער איז געכאפט אינ דער מײַסע — ד. ה. ער איז א שטיקל אפיקוירעס, אביסל אויפגעקלערט; פראָיעקט — א קאָנטאָר בא דער שטאָט־ווירטשאפט אפ אָנצופירנ מיט דער טאקסע אונ אנד. איניאָנימ.

34. באל־אײַצע — ראטמאנ פונעמ קאָהאָל, אנ אָנטיילנעמער פונ די באראטונגענ בא דער שטאָט־פארוואלטונג וועגנ איניאָנימ פונ קאָראָבקע־אָפצאָל; א שיינער יִיד, וואָס האלט זיכ פאר א גרויסנ כאָכעמ אונ פאָדערט דעריבער אָפשײַ צו זיכ אונ, דעריקער, „פארנאָסע".

35. גלאָסנע — ראטמאנ אינ דער שטאָטישער פארוואלטונג (די צארישע רעגירונג האָט צוגעצויגנ אלס גלאָסנעס פאָרשטייער פונ די יִידישע האנדל־שיכטנ, וועלכע האָבנ דערבײַ געהאט רעכט צו פארנעמענ קליינע געצאָלטע פאָסטנס, וואָס האָבנ א שײַכעס צו איניאָנימ פונ דער יִידישער באפעלקערונג).

36. מיסנאגדימ — קעגנער.

37. כײרעמל (כײרעמ) — בויקאָט אפ מענטשנ, וואָס ווארפנ זיכ ניט אונטער די פאראָרדענונגענ פונ ראבאָנימ אונ קאָהאָל. קאָהאָל אונ קאָהאָלשע טאקיפימ פלעגנ אָנווענדנ דעמ כײרעמ אויכ אפ זאכנ אונ פראָדוקטנ, קעדײ אײַנצוהאלטנ זייער טאקיפעס דאָרטנ, ווו זיי האָבנ ניט געהאט קיינ מעגלעכקײַט צו באנוצנ זיכ מיט דער מאכט פונ זייער פארבינדעטנ — די צארישע טשינאָווניקעס: דערקלערנ פאר טרייף דאָס פלייש, וואָס איז ארײַנגעפירט פונ אנ אנדער יִישעוו („באָסער־כוצ"), א. אז. וו.

38. צוינ־קאָדאָשימ — הייליקע שאָפ, ד. ה. פאסיווע, ניט פראָטעסטירנדיקע מענטשנ.

39. יויצע געווענ — אויסגעפילט די פליכט; בישלײמעס — פארפולקומט.

40. אנעס בעפויעל — א ווונדער אינדערעמעסנ (אינ דער טאט).

41. אד ביִאס האגויעל — ביז קומענ פונעמ אויסלייזער (מאָשיִעכ), דאָס הייסט, אפ אייביק; אינ אומגאנג פאר־מאָגט עס אויכ אנ אנטירעליגיִעזנ ניואנס (דאָס אויסלאכנ דעמ גלויבנ אינ מאָשיִעכ).

## ערשטער אקט.

42. כײדער — צימער.

43. מישנײַעס (מישנע) — טײל פונ טאלמוד; פרומע יִידנ פלעגנ אלע טאָג נאָכנ דאווענענ לערנענ א פײרעק (קאפיטל), אָדער א שיִער (אוראָק) מישנײַעס. דעמ טאלמוד פלעגט מענ לערנענ מיט א ספעציִעלנ געזאנג („מיט א ניגנ").

44. אָמאר רעב טארפנ... האָט רעב מײער געזאָגט — טראכטנדיק וועגנ די טאקסע־געשעפטנ, פארבײַט ספאָדעק רעב טארפנ אפ רעב מײער (צוויי נעמענ, וואָס ווערנ דערמאנט באנאנד אינ מישנע).

45. סילעקנ — אָפּצאָלנ, דעקנ דעמ כויוו; בעיִמ — אויב.

46. כאָלילע (כאָלילע וועכאס, כאס־וועשאָלעמ) — עס זאָל ניט פאָרקומענ (א באוואָרעניש בא פרומע יִידנ בײַס זיי רעדנ וועגנ א מעגלעכער געפאר).

47. שלישיס-געלט — נאדן-געלט, וואָס מע פלעגט איינלייגן בא א דריטער פערזאָן, ביז דער איידעם וועט אראָפּ פונעם שווערס קעסט. דערמיט איז פארבונדן ספּאָדעקס אגמעסנעפעש (הארצקלעמעניש), וואָס יידן האָבן וויביק כאסענע.

48. כעווריש-געלט — געלט פון פארשיידענע ווילטעטיקע און באַלמעלאָכישע פאראייניקונגען (כעוורעס); קלאל ניט — לאכלוטן ניט.

49. נייע גזיירעס — נייע פארפאָלגונגען פון דער צארישער מאכט בענעגייע צו יידן; שטאנדהאפט מיינט דאָ פארשיידענע פאראָרדענונגען וועגן דירעקטן פּאָליציייִשן פיסק, וואָס דערווייטערט די באלטויוועס פון די קאָהאָל-שע געשעפטן; קאָל-האצאָרעס — פארשיידענערליי צאָרעס.

50. אוילעמעס-געלט — געלט, וואָס מע פארזאָגט פארן טויט אפ געזעלשאפטלעך-ווילטעטיקע צוועקן; דערמיט איז פארבונדן: „שטארבט יידן!“.

51. קויפט זיך איין אין כעוורעס — ד. ה. טראָגט אריין א געוויסן אָפּצאָל און מאכט א סודע באם פאר-שרייבן זיך אין א באַלמעלאָכישער כעוורע. די באַלמעלאָכישע וועלט האָט געהאט אירע מאָנאָפּאָליסטן-כאזאָקעניקעס און אירע פלעפּייער. אין אלגעמיין זיינען די כעוורעס געווען שטארק אָפּהענגיק פון דעם קאָהאָל און פון די קאָהאָלס-לייט. דאָס איינקויפן זיך אין די כעוורעס איז אויך געווען א מין געשעפט-זאך, ווייל דאָס האָט געקענט געבן רעכט צו באקומען א פאספּאָרט.

52. טאכלעס — צוקונפט, צוועק, צו וועלכן עס שטרעבט א מענטש אין זיין פערזענלעכן לעבן.

53. סומכעס אוימער יאכלויקו — סומכעס זאָגט, מע דארף זיך צעטיילן (א שטעל אין מישנע, ווו עס האנדלט זיך וועגן צוויי מענטשן, וועלכע קריגן זיך איבער א זאך, און יעדערער טייַנעט, אז זי געהערט צו אים); אינעם טעקסט פאלט צונויפ די פארטייטשונג פון דער דאָזיקער מישנע-פראזע מיטן פארבאהאלטענעם מיין פון ספּאָדעקן וועגן דעם, אז מע דארף זיך צעטיילן מיט די קאָהאָלשע געלטן.

54. אימירצעשעם — אז גאָט וועט וועלן (א רייד-ארט בא א פרומע יידן, א באוואָרעניש, אז דער געפּלאנטער אייסעק זאָל ניט צעשטערט ווערן); מעוואלול זיין — שטעון; לוי-אליכעם — ניט פאר אייך געדאכט (א רייד-ארט בא פרומע יידן ביים זיי שמועסן מיט א צווייטן וועגן א פערזענלעכער צאָרע).

55. בעיעכידעס — אָפּגעזונדערט, איינער אליין, ד. ה. — ניט מיט קיין מיניען (מיט א גרופע פון צען מענטשן און מיט א כאזן אין בעסמעדרעש).

56. איידע — געמיינדע, קעהילע.

57. ביזכוס זע — אין דעם זכוס, ד. ה. אלס באלוינונג פאר די דאָזיקע פארדינסטן (פון דער רעליגיעזער פרא-זעאָלאָגיע).

58. יעהי כעלקי אימאָכ — זאָל מיין גורל זיין ענלעך צו דיינעם (א פאָרמול פון העפלעכקייט ביים מע רעדט מיט א צווייטן וועגן א גליק, וואָס שטייט יענעם פאר); בוכשטעבלעך באטייט אויך: לאָמיך האָבן כיילעק בא דיר (אין דיין געשעפט). ספּאָדעק באנוצט עס טאקע מיט א צווידייטנדיקן מיין — מיט כאניפע און מיט אָנצוהערעניש, אז ער וויל א כיילעק אין געשעפט.

59. זייט טאקע אבאל-ביטאָכן — פארלאָזט זיך טאקע אפ גאָט, געמיינט: זאָרגט ניט, איר וועט באקומען אייער כיילעק.

60. באָרעכאשעם — גאָט צו דאנקען (א רייד-ארט בא פרומע יידן, ווען מע רעדט וועגן אן אָנגענעמער גע-שעעניש אין פערזענלעכן לעבן), אין אומגאנג ווערט עס באנוצט אויך מיט אן איראָניע, טאקע ווי אין געגעבענעם טעקסט.

61. אדעראבע — פארקערט.

62. בעכאָל האָויפאנים — אפ יעדן אויפן, פון יעדן שטאנדפונקט.

63. געמאָרע-קעפל — שארפזיניקער סכאָלאסטישער סייכל, וואָס האָט זיך אויסגעשפּיצט באם לערנען די געמאָרע, באטייט אויך — א דריי-קאָפּ, וואָס פאלט אפ אן איינפאל, וויאזוי אָפּצונארן יענעם.

64. יירעשאָמאַיִם — גאָטספאָרכטיקייט; מיט א יירעשאָמאַיִם-פּענעמל — מיט אן אָנשטעל פון פרומקייט, צוויאַקיש.

65. טירכע — מי, לאסט; טירכע גדוילע — א גרויסע לפאט.

66. האשעם-ייִסבאָרעכ — גאָט; מאכשאָווע — געדאנק, מיין.

67. גזיירעס ראָעס — שלעכטע גזיירעס, פארפאָלגונגען פון יידן.

68. קאָל האמעגלעכקייטן — אלע מעגלעכקייטן; אלפידין — לויטן (רעליגיעזן) געזעץ.

69. שוימער-כינעם (אומזיסטער היטער) — א מענטש, וואָס האָרעוועט און באקומט דערפאר ניט קיין באלוינונג.

70. באָסער וועדאָם (פלייש און בלוט) — א לעבעדיקער מענטש.

71. בעדאלעס ווערן — פאראָרעמט ווערן.

72. כשאש טארפעס — געפאר פון עסן טרייפס (פלייש, וואָס איז פארבאָטן לויט דער רעליגיע צו עסן).

73. גוטע שאָכטיִם — דער אָנשטעל איז, אז די שאָכטים זאָלן זיין גוטע, ד. ה. זיי זאָלן שעכטן אפ קאָשער. געמיינט גוטע — זיי זאָלן מיטהעלפן דעם באלטאקסע און די קאָהאָלס-לייט צו באנעמען דעם אוילעם, איינצאמענדיק דערביי זיין פּראָטעסט; געמיינט אוי גוטע שאָכטים — גוטע קוילערס (וואָס ציִען די קליי באם אוילעם).

74. איך בין מיט סאנדעקאָעס — איך ד׳. פ אויספילן א בעקאָוועריקע פונקציע (האלטן דאָס קינד אפ די הענט) באם דורכפירן דעם רעליגיעזן ריטואל פון מילע.

75. טאכלעס-זאכ — געשעפט-זאכ, באטייט אויך א שידעכ.

76. זאָריז — פלינקער.

77. ספּאָדעק (ליגט אפן טיש) — א הוט, וואָס עס פלעגן טראָגן געהויבענע קאָהאָלס־לײַט; מענטשן פון א הויכן ראנג; אין אומגאנג באטײַט עס אויך — א דריי־קאָפּ, א שווינדלער, א צוויאַק.

78. פּאָדאנעס — אונטערטאנער (אזוי פלעגן זיך אָנרופן אין אָפיציעלע דאָקומענטן די בירגער פון צארישן רוסלאנד).

79. הארײַ אט מעקודעשעס לי — דו ביסט צו מיר פארקנאסט (דער סאָף פון דער פראזע איז: קעדאס מוישע וועיִסראָעל — לויטן געזעץ פון מוישען און פון די ייִדן, ד. ה. לויטן רעליגיעזן געזעץ); א פאָרמול, וואָס דער כאָסן זאָגט צו דער קאלע, בײַס ער טוט איר אָן דאָס פינגערל אונטער דער כופּע. מיטן דאָזיקן אקט ווערט די קאלע לויט דער רעליגיע פארייגנט צו איר מאן. באנוצנדיק די דאָזיקע פאָרמול בענוגייע צו דער טאקסע, פארענדיקט זי באלטאכלעס מיט די ווערטער: קעדאס ספּאָדעק אושטאנדהאפּט, ד. ה. אזויווי ספּאָדעק און שטאנדהאפט פראָיעקטירן.

80. אדײַטש — אן אופגעקלערטער; אין פלוג — פונעם ערשטן בליק.

81. קאוואָנע — מײַן, ווונטש.

82. טומע — אומרייניקײַט, רוכעס און שיידים; קעדושע — הייליקײַט, הייליקע מאלאָכים. פרווון זיך אין דער טומע — זיך פרווון טון א מויפעס (ווונדער־טאט) מיט דער קראפט פון שיידים און רוכעס; מוטשען זיך מיט דער קעדושע — טון א מויפעס מיט דער קראפט פון גאָטס נאָמען און מאלאָכים. אין טעקסט באטײַט עס, אז איינער שארט זיך צו דער טאקסע, מאכנדיק אן אָנשטעל, אז ער וויל באגליקן די שטאָט מיט זײַנע אופקלערערישע טאטן (אָרגא־ניזירן שקאָלעס ארגל.), און דער צווייטער — מיט פרומקײַט און קאָשערע שאָכטים.

83. קיבעד — בעקאָוועדיקע פונקציע בא א בריס אָדער בא אן אנדער רעליגיעזער צערעמאָניע.

84. זיכמעיאשעוו זײַן — זיך באטראכטן, אויסייצענען.

85. באל־בריס — דער פאָטער, וואָס פראוועט א בריס.

86. בעלי־ניידער — אָן א צוזאָג (א רייד־ארט, א באוואָרעניש בא פרומע ייִדן, בײַס זיי רעדן וועגן געפלאנטע איניאָנים, עס זאָל זיך ניט רעכענען פאר קיין זינד, אויב מע וועט ניט אויספילן דאָס געפלאנטע).

87. גזיירע... געשטודירטע ראבאָנים — אין יאָר 1857 איז פארעפנטלעכט געוואָרן די צארישע פאראָר־דענונג, אז פאר ייִדישע ראבאָנים דארפן אויסגעווײלט ווערן בלויז אזוינע, וואָס האָבן פארענדיקט די קאזיאָנע ראבינער־שול אָדער אן אנדער קאזיאָנע מיטלשול.

88. בארמיצווע — רעליגיעזע סימכע, וואָס ווערט אײַנגעאָרדנט, ווען א זון ווערט דערגרייכט צו רעליגיעזער פוליאָריקײַט (ער ווערט אלט 13 יאָר און הייבט אָן לייגן טפילן); באצייכנט אויך דאָס ייִנגל גופע, וואָס אים איז גע־וואָרן 13 יאָר.

89. א מאלעך ווארפט אראָפּ א גראָשן — אן אויסדרוק, וואָס מע פלעגט באנוצן אין א כיידער צו א קינד, וואָס הייבט אָן צו לערנען אלעפבייז, בײַס דאָס קינד קוקט ארײַן אין סידער און עמעצער פונעם קינדס קרויווים ווארפט דעם קינד א גראָשן. דאָ מיט איראָניע: זיי ווערן רײַך אף יענעמס כעזשבן.

90. שירים פון א נײַעם מעכאבער — לידער פון א נײַעם אווטער.

91. מעוווּלוול — צעטומלט, ניט שטאנדהאפטיק.

92. האלטן דעם גוויר אף דער אדענדע — צאָלן ראטע (באשטענדיקע אָרענדע־סומע) א קאָהאָלשן טאקיפ פאר באקומען דורך זײַן הילף כאזאָקע־רעכט (מאָנאָפּאָל) און אנדערע פריווילעגיעס.

93. מעקאמע טײַמים — מאכמעס פארשיידענע טײַמים (מאָטיוון).

94. קאָהאָל־שטיבל — קאנצעליאריע פונעם קאָהאָל.

95. זיך מעפארנעס — האָט פארנאָסע.

96. ענטפערן קוימעמיעס — גראָב אָפּזידלען דעם קרעדיטאָר, אָנזעצן (דער אייגנטלעכער באטײַט פון קוימעמיעס — האָפערדיק).

97. קנעלט מיטן גוויר — לערנט אײַן מיטן גוויר, פונקט ווי דער רעבע מיט א כיידער־ייִנגל.

98. מאכן פאטשערקעס — מאכן שנירלעך קרעלן, בוסן; מעטאפאָריש: ארופוואַרפן עמעצן א שטריק אפן האלדז.

99. מאכן מיט דער רייפ — מעטאפאָריש: פארדרייען, באשווינדלען עמעצן.

100. מאכן פון שניי גאָמעלקעס (גאָמעלקעס — א מײַכל פון קעז איבערגעקנעטן מיט פוטער) — מעטאפאָריש: מאכן פון גאָרנישט א זאך, אויסטראכטן א בילבל, אָדער — באקומען געלט דורך שווינדל.

101. כאפן פיש פאר דער נעץ — מעטאפאָריש: אראָפּשלעפן דאָס בעסטע, ניט ווארטן ביז מע וועט צעטיילן דאָס אלגעמיינע האָב.

102. לעטויוועס האקלאל — צוליב די נוצן פון דער געזעלשאפט.

103. טאקיפ — א מענטש, וואָס האלט יענעם אין די לאפעס און מאכמעס זײַנע פארבינדונגען מיט די צארישע באאמטע האָט ער קיין מוירע ניט פאר קיין אָנקלאָגעס.

104. א בען־באָיִס — א שטוב־מענטש, אן ארײַנגייער.

105. אן אייניקל — א ייִר מיט ייִכעס (שטאמט פון צאדיקים) און פאָדערט דערפאר אָפּשײַ צו זיך און א „שיינע" נעדאָווע.

106. האָט א באבע אין ערעץ־ייִסראָעל — אויך א מין אייניקל, אָדער אזא, וואָס קלײַבט זיך צו פאָרן קיין ערעץ־ייִסראָעל שטארבן; שטאָט־פעטער — ד. ה. א מענטש, וואָס מישט זיך אין די געשעפטן פון יעדן איינציקן, גלײַך ער זאָל זײַן יעדערנס א פעטער.

107. ראכמאָנים בני ראכמאָנים — בארעמהארציקע פון דוירעס־לאנג (א שאָוויניסטיש־גרויסהאלטערישע פאָרשטעלונג וועגן ייִדן).

108. אגוויר אָדער פּאָמעשטשיק — ווי א בורזשואזער מאַסקיל, (זע באַמ. 111) שטעלט פּיקהאָלץ ארויס דעם ניט-יִידישן פּאָמעשטשיק, סויכער און פאַבריקאַנט אַלס א מוסטער, אַף וועלכן די יִידישע העכערע שיכטן דאַרפן זיך אָריִענטירן.

109. אָסקן בעמיצוועס — באַשעפטיקט זיך מיט מיצוועס (מיט אויספילן רעליגיִעזע געבאָטן), דאָ מעטאַפאָריש: נאַרט א וועלט מיט זײַן פרומקײַט; לעפּאָנעם — אויסערלעך; זענען אומעטום נויסע-כײַן — אומעטום געפעלן זיי, ד. ה., זיי באַקומען שטיצע בא די פאָרשטייער פון דער צארישער מאַכט; לעמאַנעשעם — אין גאָטס נאָמען, אומבאַדינגט.

110. האַשגאָכע — אופזיכט.

111. זיך אויסלערנען עטוואָס... אַמעלאָכע — דאָ קומען צום אויסדרוק די פאָדערונגען פון דער מאַסקילישער אינטעליגענץ. דער מאַסקיליזם, אָדער די האַסקאָלע (אופקלערונג) — א בורזשואזע געזעלשאַפטלעכע שטרע-מונג אין דער יִידישער סוויווע, האָט זיך אין רוסלאַנד אָנגעהויבן אין די 20-ער יאָרן פונעם XIX י. ה. און זיך געצויגן ביז אַנערעך די 80-ער יאָרן. די פּראַקטישע פּראָגראַם פון די מאַסקילים פאַר די יִידישע מאַסן אין רוסלאַנד איז געווען — לערנען אביסל וועלטלעכע בילדונג (רעכענען, נאַטורוויסנשאַפט, שפּראַך, באַזונדערס די לאַנדשפּראַך), העברייִש און א מעלאָכע, ענדערן די טראַדיציאָנעלע יִידישע קליידונג און זײַן פרום צו גאָט און טרײַ דעם קייסער. די מאַסקילים זענען געווען די אויסדריקער פון דער אופגעקומענער יִידישער נײַער בורזשואזיע, וועלכע האָט געשטרעבט אײַנצוגלידערן זיך אין דער שטײַגנדיקער רוסלענדישער קאַפּיטאַליסטישער עקאָנאָמיק און האָט דערום געזוכט צו פאַרניכטן די מיטל-אַלטערלעכע פאָרמעס פונעם יִידישן לעבן און שטייגער, וואָס האָבן אין דעם געשטערט.

די ליבע און טרײַ-אונטערטעניקײַט צו דער רעגירונג פון ניקאָלײַ I, וואָס כאַראַקטעריזירט ביקלאָל די רוסלענדישע בורזשואזיע, שטאַמט בא די מאַסקילים אויך דערפון, וואָס די צארישע מאַכט האָט צוליב אירע נאַציאָנאַל-אונטערדריקערישע און פּאָליציייִש-פיסקאַלע אינטערעסן ארויסגערוקט אין איר „יִדן-פּאָליטיק" קאַזיאָנע שקאָלעס, מעלאָכע און לאַנדווירטשאַפט, קליידער-אומבײַטונג, „ראַזבאָר" (אײַנטיילונג פון דער יִידישער באַפעלקערונג אַף „נוצלעכע" און „אומנוצלעכע") — דאָס אַלץ, וואָס האָט פון אַן אַנדער אויסגאַנג-פונקטן געשטימט מיט דער פּראַקטישער פּראָגראַם פונעם בורזשואזן מאַסקיליזם. די מאַסקילים האָבן באַטראַכט די אַלע „רעפאָרמעס" (אײַנגעשלאָסן די רעקרוטשינע) אויך אַלס אַן אוואַנס, וואָס יִדן דאַרפן געבן דער מעלוכע פאַר באַקומען „גלײַכבאַרעכטיקונג", פאַקטיש — גלײַכבאַרעכטיקונג פאַר דער יִידישער גרויס-בורזשואזיע. די ברייטע יִידישע מאַסן האָבן נאָך שווערער געקרעכצט אונטערן יאָך פון די צארישע „גענאָדן" און האָבן, נאַטירלעך, אופגענומען די אַלע געפּלאַנטע „רעפאָרמעס" אַלס גזיירעס און פאַרפאָלגונגען. די געפּלאַנטע דורך דער צא-רישער רעגירונג „רעפאָרמעס" וועגן אָבליגאַטארישער בילדונג פאַר יִדן, וועגן קאָלאָניזירן יִדן אַף ערדאַרבעט א. א. האָבן, נאַטירלעך, צו גאָרנישט ניט געבראַכט.

112. ערעץ-יִסראָעל-גאַבע — א זאַמלער פון נעדאָווס פאַר ערעץ-יִסראָעל-יִדן; בעטעווע — לויט דער נאַטור; ניכנאָם — נאָכגיביקע, דערשלאָגענע; פון קאַמע שאָנים — פון אַסאַך יאָרן, שוין יאָרנלאַנג; שעפע — דאָ: פאַרנאָסע, אויסקומעניש.

113. קאָל האַמינע טאַכבולעס, (קאָל האַמיטלען) — אַלערליי מיטלען, אײַנפאַלן; זײַזענע יִדן — פרומע יִדן, וואָס טראָגן זײַדענע קאַפּאָטעס, דאָ: בעקאָוועדיקע שלעפּערס; מע הערט אים ווי דאָס מילכיקע קלינגל — ד. ה., מע הערט אים ניט, ער האָט קיין שום ווערט ניט.

114. קנופיע (קניפּל) — כאָפּטע, געזינדל; באַנקע וועקסלען — געכאַסמעטע וועקסלען (דאָקומענטן וועגן געלט-פאַרפּליכטונגען) אָן דער אָנווײַזונג פון דער סומע און פון דעם טערמין. קאָהאָלס-לײַט פלעגן נעמען אַזעלכע וועקסלען בא א מענטשן, וואָס זיי האָבן אים געוואָלט האַלטן אין זייערע הענט. ער האָט געמוזט פאָלגן אַלץ, וואָס זיי האָבן פאָרגעלייגט, ווײַל אין קעגנפאַל האָבן זיי פאַרפולט דעם וועקסל און אופגעמאָנט דורכן געריכט די מאַקסימאַלע סומע, וואָס ס'איז מעגלעך געווען לויט דעם ארויסגעגעבענעם בלאַנקן-וועקסל.

115. מאַזיק — שעדיקער, וואָרגער; א מאַזיק אין א לאַנגגן טאַלעסקאָטן — א שווינדלער, וואָס באַנעמט יענעם אונטער דעם אָנשטעל פון פרומקײַט; שוימער און מאַצל זײַן — אויסהיטן; האַלטן בלאַט — זײַן יאַדראַכעס (אין איין קאָמפּאַניע); פּסאַק — שטראָף; טערעץ אַפּ... שײַלע — ענטפער אַף פראַגע (פון דער ראַבאָנישער-באַטלאָנישער פראַזעאָלאָגיע).

116. רויטער קאָלנער — איינער פון די העכערע צארישע טשינאָווניקעס, וואָס פלעגן טראָגן אַן אוניפאָרם מיט א רויטן קאָלנער. טאַם — נאַיִווער; אומעס האָוילעם — ניט יִידישע פעלקער; קלאַל-יִסראָעל — דאָס גאַנצע יִידישע פאָלק; פּראַט — אײַנצלנער; כילעל האַשעם — פאַרשוועכן גאָטס נאָמען, ד. ה., טון עפּעס אַזוינס, וואָס שטעלט פאָר די יִדן אין א שלעכטער שײַן פאַר ניט-יִדן; אינעם געגעבענעם פאַל — א מיטל צו שרעקן קעדיי צו באַאײַנ-פלוסן די אָרעמשאַפט, זי זאָל זיך ניט קלאָגן אַף די שווינדלערײַען פון די באַלטויוועס; ניכע — ליב, אָנגענעם.

117. בעשאַס כורבן — אין דער צײַט, ווען מע האָט כאָרעוו געמאַכט יערושאָלאַיִם. ווײַטער גייט אין טעקסט אַן איבערזעצונג פון די ערשטע צוויי פראַזעס פון א קאַפּיטל טילים „אַל נאַרויס באָוועל" — אַף די טײַכן פון באָוועל; מעשורערים — זינגער, דאָ: שפּילער.

118. אָפּזאָגן א סליכע (א כאַראָטע-טפילע) — פאַרשפּרייטן פרומלעך א רעכילעס וועגן עמעצן; ניכנע — אונטערגעוואָרפן; עוועד-קנאַני — אײַפעריקער קנעכט.

## צווייטער אַקט.

119. מלאַווע-מאַלקע — א רעליגיִעזע מאָלצײַט, וואָס פרומע יִדן ריכטן אָפּ שאַבעס-צו-נאַכטס; קאָס — קעלי-שעק, גלאָז, פון וועלכן מע טרינקט ווײַן אָדער בראָנפן בא רעליגיִעזע צערעמאָניעס.

120. לעכאַים (צום לעבן) — א ווינטשעניש באם טרינקען אַלקאָהאָל-געטראַנקן.

121. יעשועס וועניכאָמעס (אויסלייזונג און טרייסט) — גוטס אָפּ יידן. דאָ געמיינט: די מעגלעכקײַט צו באַנעמען דעם אוילעם דורך דער טאַקסע.

122. שנאַס-פּאַרנאָסע — פּאַרנאָסע-יאָר.

123. ייסראָעל אַמכאָ צריכים פּאַרנאָסע — דײַן פאָלק-ייסראָעל (געווענדעט צו גאָט) נייטיקט זיך אין פּאַרנאָסע.

124. זאַרייני וועכאַספּײני יאַרבע קאַכויל — אונדזערע קינדער און אונדזער געלט זאָל ער (גאָט) פאַר-מערן, ווי זאַמד (א פראַזע פון א טפילע שאַבעס-צו-נאַכטס); מעכויעוו — פאַרפּליכטעט; היצטאַרכעס — באַדער-פענישן (געמיינט געזעלשאַפטלעכע).

125. צאָרכיי אַמײנו מערובים — די באַדערפענישן פון אונדזער פאָלק זײַנען גרויס אין צאָל; מיספּער — צאָל.

126. זוגעס — פּאָר-צאָלן (צוויי, פיר, זעקס א. אז. וו.), לויט די מיסטיש-רעליגיעזע ספאָרים — טײַוולשע צאָלן.

127. זיך גויהעגזײַן — זיך אופירן, האַנדלען.

128. טאָפּאַסטאָ מועט טאָפּאַסטאָ — אַז דו האָסט אָנגעכאַפּט אביסל, האָסטו אָנגעכאַפּט ד. ה., אַז מע פאַר-מעסט זיך אָפּ ווייניק, איז דאָס געזיכערט; לעכאָלאָפּאָכעס — צום ווייניקסטן; לעסאַטע — דערווײַל.

129. לעהאַוודל — צום אונטערשייד (א רייד-אַרט בא פרומע יידן ביים זיי דערמאָנען אין געשפּרעך צוויי זאַכן אָדער דערשײַנונגען, וואָס לויט דער רעליגיע איז ניט אָנגעמאָסטן זיי צו פאַרגלײַכן).

130. די אָבשטשעסטווענע הונדערט טויזנט קערבלעך — געמיינט רעשטן פונעם פאַכט-אָפּצאָל פאַר דער „קאָראָבקע", וואָס זענען פאַרבליבן אין קאַזנאַטשייסטווע נאָכן אויספילן די סמעטע-הויצאָעס. די דאָזיקע סומעס האָבן, לויט די צאַרישע טאַקאָנעס, באַדאַרפט גיין אָפּ באַדערפענישן פון דער יידישער געמיינדע (זע באַמ. 2).

131. מויפעס — וווּנדער-טאַט.

132. ביקער כוילים — קראַנקען-הויז, באַצייכנט אויך א ווילטעטיקע כעוורע צו העלפן קראַנקע; אייסאָקים — געשעפטן.

133. אָגיל וועסמאַך — אָנהייב פון א טפילע-געזאַנג; באַטײַט: לאָמיר זיך פרייען. דאָ איבער דער ענלעכקײַט אינעם קלאַנג פונעם וואָרט „אָגיל" צו א צווייט וואָרט „אָגול" — קײַלעכדיק, איז אַנטשטאַנען דער ווערטער-קאַלאַמבור: אָגיל וועסמאַך — קײַלעכדיק און שפּיציק, באַטײַט: אָפּגעטאָן, קונציק אָפּגעמאַכט.

134. ראַבויסים (ראַבויסײַ) — מײַנע האַרן (א העפלעכע ווענדונג-פאָרם צו אַן אוילעם בא פרומע יידן).

135. גמילעסכעסעד — א קליינע קורצטערמיניקע אָנפּראָצענטיקע האַלוואָע.

136. דוואָרים שעיינ לאָהעם שיור — זאַכן, וואָס האָבן ניט קיין גרענעץ, ד. ה. מיצוועס, וואָס מע דאַרף זיי פון שטענדיק אָן אַן אויפהער (אַן אויסדרוק פון רעליגיעזע ספאָרים).

137. אווילעמהאַבע — יענע וועלט, גאַניידן; דייע — מיינונג.

138. אַטראַטע — וועקסל; אָפּ קאַבצינסקיס א טראַטע — אָפּ א וועקסל פון א טאַקיפ אין גלופּסק מיט אַזא פאַמיליע; עס זאָל אויך קלינגען, פּונקט ווי „אָפּ דעם קאַפּצנס וועקסל", ד. ה. אָפּ ניט אָפּצוגעבן.

139. פּיירושים — קאַזויסטישע פאַרטײַטשונגען (פונעם לעקסיקאָן באַם געמאָרע-לערנען); לעכאַים מיט אַלע פּיירושים באַטײַט א ווינטשעניש וועגן עפּעס, וואָס די אָנטיילנעמער אינעם טרינקען דערוואַרטן עס און פאַרשטייען מעמיילע, ווען וואָס עס האַנדלט זיך.

140. כאַסענע מאַכן דיקאַץ — באַראַבעווען עמעצן דורך שווינדל.

141. עליאָהוס — טפילע-געזאַנגען, וואָס מע זאָגט שאַבעס-צו-נאַכטס.

142. כאָסער-דייע — גערירט, אַראָפּ פון זינען; אָסטראָג — צאַרישע טורמע.

143. רעכאַש — באַלויכטונג די קליי-קוירעש בא א כאַסענע (ערשטע אויסיעס פון: ראָוו, כאַזן, שאַמעס).

144. ברוכים-האַבאָים — געבענטשט זאָלן זײַן די געקומענע (א באַגריסונג פאַר אַרײַנגעקומענע אָנגעזעענע געסט).

145. מאַכט א בראָכע — עסט אין-טרינקט.

146. גאָלאָווא — הויפּט פון דער שטאָט-פאַרוואַלטונג.

147. שמעקט מיט סיביר — עס דראָט מיט פאַרשיקונג קיין סיביר (קיין סיביר פלעגט די צאַרישע מאַכט פאַר-שיקן די אַלע, וואָס זי האָט געהאַלטן פאַר שווערע פאַרברעכערס).

148. לייענט קרישמע — לייענט דאָס קאַפּיטל פון ביבל, וואָס הייבט זיך אָן מיט די ווערטער „שמא-ייסראָעל" (אַלס א סגולע קעגן רוכעס און שיידים).

149. זיך מעסאַמייעך געוועזן — געהוליעט, אָפּגעריכט א סימכע.

150. קאַדאָכעס רעוויִס — דאָס פערטע קאַדאָכעס (שטאַרקער פיבער).

151. ווערן ניסאַשער — ווערן באַרײַכערט.

152. אַסיפע — צונויפקומעניש צוליב קאָהאָלשע איניאָנים.

153. אויקער זײַן מין האַשוירעש — אַרויסרײַסן מיטן וואָרצל.

154. זיי מאַכן צופיל שיעס — עס געדויערט בא זיי צו לאַנג.

155. מעכילע — אַנטשולדיקונג.

156. מאַ נוימאַר אומאַ נעדאַבער — וואָס זאָלן מיר זאָגן און וואָס זאָלן מיר ריידן (אַן אויסדרוק פון אונטערטעניקײַט און דערשלאָגנקײַט).

157. לעוו יוידייע מאָראַס גיטל — דאָס איז א פאַרדרייונג פון א ביבלישער פראַזע „לעוו יוידייאַ מאָראַס נאַפשוי" — יעדעס האַרץ פילט זײַן אייגענע פאַרביטערטקײַט; אַזוי ווי „מאָראַס" באַטײַט סײַ א פרוי און סײַ

ביטערקײַט — איז אינ אומגאנג בא אָרעמעלײַט געוואָרנ דערפונ; „לעוו יוידייא מאָראס גיטל״, ד. ה. יעדערער האָט א ווײַב אונ קינדער אונ האָט ניט מיט וואָס צו האָדעווענ זײ.

158. איינ ליכטל — אויסער דעמ קאָראָבקע־אָפּצאָל, האָט די צארישע רעגירונג אינ יאָר 1845 אײַנגעשטעלט פאר יידנ א ליכט־אָפּצאָל (פאר שאבעסדיקע אונ יאָנטעוודיקע ליכט). דער ליכט־אָפּצאָל איז געגאנגענ אפ צו גרינדנ קאזיאָנע שקאָלעס, קעדיי צו דערציִענ יידישע קינדער אינ גײַסט פונ דער צארישער „בירגערשאפט״. דער דאָזיקער אָפּצאָל פלעגט אויכ אָפּגעגעבנ ווערנ אינ פאכט (אָפּקוימ), אונ די קאָהאָלס־לײַט האָבנ אויכ ארומ דעמ געלעקט א ביינדל, באנעמענדיק די אָרעמשאפט. אויסער דעמ פאכט־אָפּצאָל — דער קאזנא, האָט דער פאכטער געצאָלט, פונקט ווי בא יעדנ אנדערנ אָפּקוימ בא דער מעלוכע, א גרויסע סומע געלט די קאָהאָלסלײַט. קעגנ די קאָהאָלשע געשעפטנ ארומ דעמ ליכט־אָפּצאָל פראָטעסטירנ עס די באלמעלאָכעס.

159. פויאלימ — גזעלנ.

160. בענאפשוי יאָווי לאכמוי — ער פאטערט דאָס לעבנ אפנ שטיקל ברויט (בוכשטעבלעכ: מיט זײַנ נע־שאָמע ברענגט ער זײַנ ברויט).

161. לאמדנ — ווילקענער אינ טאלמוד.

162. קאָל־מעקאדעש — א טפילע־געזאנג (זמירעס) פרײַטיק־צו־נאכטס בא דער סודע.

163. מע אָני אומע כאיאי — וואָס בינ איכ, אונ וואָס איז מײַנ לעבנ, ד. ה. איכ בינ א פראָסטער מענטש אונ באנוגנ זיכ מיט אביסל; אָני — אָרעמאנ; לעטויווע — צומ נוצנ; סמאכ — גרונט; שטערנ־ליכט — סטע־ארינעווע ליכט.

164. כיילעוונע ליכט אינ די הענט — מיט אנ אָנשטעל פונ איבערגעטריבענער פרומקײַט מוסערט ספּאָדעק דעמ שוסטער, לעמײַ ער האלט א כיילעוונע ליכט, וואָס לויט דער רעליגיע טאָר מענ בלויז ניט עסנ.

165. מעסאדער קידושנ — דורכפירנ די רעליגיִעזע צערעמאָניע בא דער כופע (א קיבעד פאר א ראָוו אונ פאר געהויבענע קאָהאָלשע באלטויוועס).

166. אכאס ועכאָמעש — איינס מיט פינפ; אכאס וואָשייש — איינס מיט זעקס; אכאס וואָשעווא — איינס מיט זיבנ. פאראפראזירנדיק די טפילע פונעמ יאָמקיפערדיקנ מאכזער, אינ וועלכער עס ווערט דערציילט, וויִאזוי דער קויענ־גאָדל (יידישער הויפטגײַסטלעכער) פלעגט ציילנ די צערעמאָניעס באמ ברענגענ א קאָרבנ „אכאס וועאכאס״ (איינס מיט איינס), „אכאס אושטאִימ״ — (איינס אונ צוויי) א. אז. וו., וויגקענ זיכ איבער די קאָהאָלס־לײַט אפ א הייליקנ שטומלאָשנ וועגנ דער הייסאָפע אפ אנ אָקע פלייש.

167. אבלייז — סײַוויסײַ, מעמיילע. וועכוצלאָזע — אונ אויסער דעמ.

# דריטער אקט.

168. האסבאָרעס — קלוגע אײַנפאלנ, שפיצלעכ.

169. איטלעכעס וואָרעמ האָט אדאָרעמ — יעדע זאכ האָט איר סיבע, ד. ה. יעדערער האָט זײַנ פער־זענלעכנ אינטערעס (פונ דײַטש: יעדעס „ווארומ״ האט זײַנ „דארומ״).

170. בעכוש — דײַטלעכ.

171. אויבערהאסבאָרע — טיפער געדאנק, אויבערשפיצל.

172. העלער (א מאטבייע אינ דער געוועזענער עסטרײַכ־אונגארישער אימפעריע) — גראָשנ; סכירעס — געהאלט; האדראספאָנעמ — לויטערע צורע.

173. סראָרע — פאָרעצ, הויכער צארישער באאמטער.

174. פראלניק — גראָבער שטעקנ, וואָס ווערט באנוצט באמ גרעט וואשנ.

175. סאָנע־ציִענ — די סאָנימ פונ ציִענ (יידנ), א שאָוויניסטישער אויסדרוק בא א פרומענ יידנ, וואָס באטײַט אז ער וויל די צאָרע זאָל אריבערגיינ פונ א יידנ צו א ניט־יידנ.

176. גוזמע — זייער אסאכ; דראב — דרויב, קליינ־מענטשעלע (געמיינט דעמ באלטאקסע).

177. מעוואזע זײַנ — אָנטאָנ א ביזויענ.

178. אינ דער כעס — אינ כיירעמ (זע באמ 37).

179. ניכאי ליודי מאָוו... — זאָלנ מענטשנ ריידנ, אבי מיר איז דאָס צומ געזונט.

180. בעהענ שעלי — אפ מײַנ ערנוואָרט.

181. האמצאָע — אײַנפאל; קאנסענענ — באשטראָפנ מיט געלט.

182. דער מיסאסעק אינ דער מיצווע — דער מענטש, וואָס באשעפטיקט זיכ מיט דער מיצווע.

183. מערוצע ווערנ — מאסקימ זײַנ; מוצלעכ — א מענטש, וואָס עס גליקט אימ.

184. יאשער־קויעכ — אדאנק; בוכשטעבלעכ: זאָל באשײַנט ווערנ דײַנ קראפט; האפטאָכע — צוזאָגנ; בעהאכנאָע — מיט אונטערטעניקײַט, מיט דערשלאָגנקײַט.

185. מארבע בעהויצאָעס געווענ — געמאכט גרויסע הויצאָעס; מאכנע — מענגע.

186. שוירע געווענ — גערוט; דיבראָכע האָט בעסער שוירע געווענ — ס׳איז געווענ גרינגער צו האָבנ פארנאָסע; בעאווינויסענו האָראבימ — איבער אונדזערע פילע זינד.

187. ניכײַ איכ... — זאָלנ זיי גיינ (ניט פארענדיקט — צומ טײַוול).

188. איינ ברײרע — ניטאָ קיינ אנדער אויסוועג.

189. באָזע האָויפנ — אפ אזא אויפנ.

190. הערבאָווע פּאַפּיר — פּאַפּיר מיט א צאַרישנ הערב, אפ וועלכנ מע פלעגט שרײַבנ אָפיציעלע דאָקומענטנ.
191. אבוקי — רוסישער אלפאבעט, א פאפיר געשריבנ אינ רוסיש.
192. וויאהאָנ אינ בניי־אָדעמ — ד. ה., פארשטייט גאָרניט, פונקט ווי דער האָנ פארשטייט ניט די טפילע „בניי־אָדעמ", וואָס מע זאָגט בײַס מע שלאָגט מיט אימ קאפּאָרעס.
193. קריאַס האפּריגאָוואָר — דאָס לייענענ דעמ פּריגאָוואָר (די אָנגענומענע באַשטימונג).
194. ניכײַ יעהאָ מאמא מאָרדויע — א זידל־פראזע אינ אוקראַיניש: צו אלדי רוכעס.
195. באָזע האלאָשנ — מיט די פאָלגנדיקע ווערטער.
196. אימ קײַנ — אויב אזוי; גענע געוועג — געהאט האנאָע, באנוצט.
197. מעהומע — טומל, פאניק (געמיינט דעמ טומל, וואָס עס האָבנ אופגעהויבנ די באַלמעלאָכעס).
198. היצטארכעס האָיר — די באדערפעניש פונ דער שטאָט.
199. מאשגיכימ — קאָהאָלשע אופזעער אפ קאָשער פלייש; מענאקרימ — טרייבערער פונ פלייש, וואָס באַזײַטיקנ דעמ טריפנ טייל פלייש; באטלאָנימ — פרומע לײדיקגייערס; קאבראָנימ — באגראבערס (קוואָרעס־יידנ); נעמאָנימ — פארטרויונגס־לײַט, באאמטע בא קאָהאָל.
200. סירכע — א בלאָטער אפ דער לונג בא א בעהיימע; די לונגענ פונ יעדער געקוילעטער בעהיימע פלעגנ רעווידירט ווערנ דורכ דעמ בוידעק (העכערער גראד שויכעט); אז ער געפינט אפ דער לונג א סירכע, איז אינ אייניקע פאלנ דאָס פלייש טרייפ. נאָר פרומע יידנ, ווי ספאָרדעק, עסנ ניט קיינ פלייש פונ א בעהיימע מיט א סירכע, ד. ה. אפילע ווענ דאָס פלייש איז פארבליבנ קאָשער.
201. נאָר לעמאָשל — נאָר אויסערלעכ, נאָר אפ צו ווײַזנ יענעמ (דאָ: אפ צוצושטעלנ דער קאזנא).
202. כעוורע אלמאָנעס וועיעסוימימ — כעוורע צו שטיצנ אלמאָנעס אינ יעסוימימ.
203. אויווער זײַנ זמאנ מינכע — פארשפעטיקנ די צײַט פונעמ פארנאכטיקנ דאווענענ (מינכע).
204. רעמאכ אייורימ — צווייהונדערט אכט אונ פערציק גלידער, פונ וועלכע עס באשטייט לויט די רעליגיעזע ספאָרימ דעמ מענטשנס קערפער.
205. נעמענ כאלע — פארברענענ א שטיקל טייג פונ דער ראָשטשינע (א רעליגיעזער ריטואל באמ פארקנעטנ טייג).
206. טאָרוד — באשעפטיקט, פארנומענ; רייש — 200.
207. בעסימכע — מיט פרייד, מיט פארגעניגנ; פּרוטע — גראָשנ.
208. שיעפיע — עפּעס וואָס, א קלייניקײַט.
209. צוזאָגנ האָרימ־אוגוואָעס — צוזאָגנ הויכע (גילדענע) בערג.
210. אָרטשיק — שטריק, מיט וועלכע מע בינדט צו דאָס פערד צומ וועגעלע.
211. קוידעמ — צוערשט.
212. אויסגערעדט אָסער לעדאבער — גערעדט אזוינס, וואָס מע טאָר ניט ארויסברענגענ.
213. אינ מאכשאָוועסנ — ביז וואָס ווענ.
214. ניט טראָגנ קיינ לעקעכ — ד. ה. ניט גיינ אינ טורמע אינ רעזולטאט פונ די אָנקלאָגעס (צו דער מאכט), וואָס לאָקשעוויטש קענ שרײַבנ.
215. מעגולגל ווערנ אינ קליינ ערעצ יסראָעל — ארײַנפאלנ קיינ סיביר אפ קאטערגע.
216. טארבוס — אָפשײַ, דערעכערעץ.

## פערטער אקט.

217. אָביאוונ טאָרגעס — מעלדנ א לעציטאציע (אנ אאוקציאָנ) אפ אָפצוגעבנ די קאָראָבקע אינ פאכט.
218. אָדנ האגאָדל — גרויסער פאָרעץ (געמיינט דעמ הויפּט פונ דער גובערניאלער אדמיניסטראציע).
219. בעטנ ראכמימ — בעטנ מע זאָל ראכמאָנעס האָבנ.
220. מע האָט בעדייע — מע טראכט, מע האָט אינ זינענ.
221. האשעמ־יסבאָרעכ זאָל שוימער אומאצל זײַנ — זאָל גאָט אויסהיטנ אונ ראטעווענ; כאָטל ווערנ — אָפגעשאפט ווערנ, ווערנ צונישט.
222. נכוס־דארגע — נידעריקער גראד.
223. מאנהיגיי האָיר — שטאָט־פיוער; מאראָכע — גליק.
224. מאשכיס — פארדארבער, פייק צו דערשטיקנ.
225. כאפער — אינ די 30־ער יאָרנ פונעמ פאָריקנ יאָרהונדערט האָט די רעגירונג פונ ניקאָלײַ I אײַנגעפירט נאטורעלע מיליטער־פליכט (רעקרוטשינע), וואָס די יידישע באפעלקערונג האָט באדארפט אויספילנ, פונקט ווי אלע אנדערע פליכטנ, אינ אָרדענונג פונ קעגנזײַטיקער אָרוועס. דער צושטעלער פונ רעקרוטנ איז געווענ קאָהאָל. צוליב מיסיאָנערישע אונ נאציאָנאל־אונטערדריקערישע צוועקנ האָט די צארישע רעגירונג אײַנגעשטעלט פאר יידנ דעמ עלטער אפ צו נעמענ אינ רעקרוטנ פונ 12 יאָר אָנ. די מינדעריעריקע פלעגט מענ פארשיקנ אינ די ווײַטע אינ יענער צײַט רוסישע גובערניעס, אָפגעבנ זיי אפ „איבערדערציענ" צו די דאָרטיקע פויערימ אפ 8 — 10 יאָר (קאנטאָניסטנ־סיסטעמ) ביז זיי האָבנ דערגרייכט פיליאָריקײַט, ווענ זיי זײַנענ אָנגענומענע געוואָרנ אינ מיליטער. אויסער דער אײַנגעשטעלטער צאָל רעקרוטנ פאר דער יידישער געמיינדע אינ אָרדענונג פונ אויספילנ די פליכט, האָט די צארישע רעגירונג אָפט געפאָדערט צוגאָב־רעקרוטנ פאר ניט דערצאָלטע שטײַערנ א. אז. וו. קאָהאָל האָט געהאט רעכט אָפצוגעבנ אלס רעקרוטנ אזוינע, וואָס זענענ פאר אימ אונ פאר דער צארישער פּאָליציי ניט געווונטשנ. אינ די 40־ער יאָרנ האָט די צארישע רעגירונג אײַנגעטיילט די

ייִדישע באפעלקערונג אפ „נוצלעכע“ און „אומנוצלעכע“ (פונעם שטאנדפונקט פונעם צאריזם). פאר די „אומנוצלעכע“ איז אײַנגעשטעלט געוואָרן א פארשטארקטע רעקרוטן־פליכט. קאָהאָל האָט באקומען רעכט צו כאפן אפ די וועגן אָנפּאס־פּאָרטנדיקע פון אנדערע ייִשווים און אָפּגעבן זיי אלס רעקרוטן אפן כעזשבן פון זײַן געמיינדע. די אכזאָריעסדיקע פּאָליטיק פון ניקאָלײַ I אפ אָט דעם געביט איז פארצעפאכט געוואָרן דורך די קאָהאָלשע טאקיפים, וואָס פלעגן באפרײַען די רײַכע און ביכלאל די העכערע שיכטן פון רעקרוטן־פליכט, אָפּרעכענען זיך מיט זייערע קעגנער און ארופוארפן די גאנצע לאסט פון דער רעקרוטשינע אפ דער אָרעמשאפט. די אלגעמיינע פאָדערונג פונעם מיליטערישן סטאטוט וועגן צוויפשטעלן ביכער, ווו אלע אָן אויסנעם קאנדידאטן פאר רעקרוטן זאָלן זײַן פארשריבן לויט א געוויסן סיידער (אין דער לעצטער ריי איינציקע זין), פלעגט קאָהאָל ניט אויספילן. דאָרטן, ווו אזוינע ביכער האָבן זיך שוין יאָ געפירט, זענען אין דער ערשטער ריי געגאנגען די אָרעמע. באם צוויפשטעלן די „רײַסטערס“ און „רעוויזיע־סקאזקעס“ פלעגן איינציקע זין בא אָרעמעלײַט באקומען פיקטיווע ברידער, 7—8 יאָריקע פלעגן מיט א דריי פון פען פארוואנדלט ווערן אין 12־יאָריקע. פארקערט, גווירישע פאמיליעס זענען אײַנגעשרומפן געוואָרן. קאָהאָל האָט געשאפן א גאנצן אפאראט מיט א שטאָט פון כאפערס, אָפּגעבערס און פּאָווערענעס, וועלכע פלעגן כאפן און אָפּגעבן אין דינסט אָרעמע אָנשטאָט רײַכע (זע באמ. 11).

226. ציבנז — מעלוכע־פליכטן; זידלט מען אין אלע צײַטונגען... א מעדינע אין דער מעדינע — מיט איר ייִדן־פּאָליטיק („שקאָלעס“, ראזבאָר, קאנטאָניסטן־סיסטעם א. אנד.) איז די צארישע מאכט צווישן אנדערע געוועזן אויסן צו ניוועלירן די ייִדישע מאסע און דערמיט צו פארלײַכטערן די אלגעמיין־פּאָליצייִשע אופזיכט איבער דער באפעלקערונג. אין די רעאקציאָנערע צײַטונגען פלעגט זײַן אָנגעוויזן, אז די ייִדן בילדן קלוימערשט א מעלוכע אין דער אלגעמיינער רוסלענדישער אימפעריע, און דערפאר פאָדערן זיך פאר זיי אויסנאם־געזעצן. וועגן דעם רעדט עס וועקער.

227. וויקוכים — אמפערײַען; דוואָרימבעטיילים — פוסטע רייד, נארישקײַטן.

228. דוירעש־טאָוו — א מענטש, וואָס שטרעבט צו טון יענעם טויוועס.

229. פוראָניעס — שלעק; בעקאָל ראָם — אפ א הויך קאָל, עפנטלעך.

230. נישער — רעשט; ער איז אראָפּ פון מײַמעד — ס'האָט זיך פארערגערט זײַן לאגע.

231. בסולע — מיידל; באָגרעס — א דערוואקסן מיידל, וואָס דארף שוין כאסענע האָבן.

232. טכיִעס האמייסים אופשטייִן — אופשטיין פונעם קייווער, אז מאָשיעך וועט קומען; שישי — דער זעקסטער מענטש, וואָס מע רופט אוף צו דער טוירע שאבעס אין בעסמעדרעש (א קיבעד פאר פרומע און רײַכע ייִדן).

233. לוינע — שטימונג; שליטע — הערשאפט, צוטרעט.

234. קאָל האטאנוגים — אלערליי פארגעניגנס.

235. הײַנטמעג מען שוין דאָך ארײַנפירן בראָנפן — אין די 50־ער יאָרן פונעם פאָריקן יאָרהונדערט האָט די צארישע רעגירונג אײַנגעשטעלט אין דער גאנצער רוסלענדישער אימפעריע א נײַע אָרדענונג בענוגייע צום באשעפטיקן זיך מיט פארקויפן בראָנפן. קאפיטאליסטן פון דער ייִדישער באפעלקערונג אין פוילן און אין אוקראינע, ווו דאָס אויסשליסלעכע רעכט צו פארקויפן בראָנפן האָט זיך ביז דאן געפינען אין די הענט פון דער פוילישער שליאכטע, האָבן שוין געמעגט „ארײַנפירן בראָנפן, ווי באלד מע האָט דערפאר אָפּגעצאָלט אקציז“ (אומדירעקטער שטײַער אפ פּראָדוקטן).

236. אייס ראָצן — א מינוט פון גוטער שטימונג.

237. קאמע וועקאמע איניאָנים — פארשיידענערליי איניאָנים.

238. אין קיינאיין אומע וועלאָשן — אין קיין איין פאָלק.

239. מוישע ראביינו האָט מיט זיי ניט געקענט אויסקומען — לויט דער ביבל זענען אייניקע ייִדישע שוואָטים געוועזן אומצופרידן מיט מוישע ראביינו (לעגענדארער אויסלייזער פון די ייִדן) בײַס ער האָט זיי געפירט אין דער מידבער; ראָגאטקע — זע באמ. 280.

240. שכיטע־געלט — טאקסע פאר שעכטן; גאסעס וועדאקעס — גרויסע און קליינע פי; מאכן טנועס — מאכן שטיק, צוטראכטן א טערעץ.

241. פונאמיכשל — פון געשטרויכלט ווערן; אסערן — דערקלערן פאר טרייף.

242. ייִדישע סאָלדאטן — אויסגעדינטע ניקאָלײַישע קאנטאָניסטן (זע באמ. 225); לויטן געזעץ זענען זיי געוועזן באפרײַט פון קאָראָבקע־אָפּצאָל.

243. מאכזיק זײַן — אויסהאלטן; האָט מיסראָעם געוועזן — ד. ה. אָרגאניזירט אומצופרידנקײַט קעגן קאָהאָלס־לײַט.

## פינפטער אקט.

244. איך בין מאפטיעך — איך זאָג צו, איך פארזיכער.

245. כאלעף — א מעסער, מיט וועלכן דער שויכעט שעכט.

246. כאטאָים — זינד; בראָש — שטענדיק נאָר.

247. פון די „מעסאָרשיי האיאָם“ — געמיינס פון די ראבאָנים, די מעכאברים פון א רעליגיעזן סייפער מיט אזא טיטל.

248. קאָסוו וועכאָסום (אָנגעשריבן און געכאסמעט) — שווארץ אפ ווײַס.

249. ס'איז דאָאדייע — ס'איז דאָ א מיינונג פון אן אנדער ראָוו (אין רעליגיעזע ספאָרים); געוויינים — גרויסע ראבאָנים.

250. אמינהעג — א רעליגיעזע טראדיציע, וואָס איז פארהייליקט און פארוואנדלט געוואָרן אין א דין (רעליגיעזן געזעץ).

251. אויפעס טמייִמ — אומריינע (ניט דערלויבטע צומ עסנ לויט דער רעליגיע) אויפעס.

252. ארנ־קוידעש (הייליקער אָרנ) — א שראנק אינ בעסמעדרעש, ווו עס שטייענ די סייפער־טוירעס.

253. שאָראבאָר — לעגענדארער ריזיקער אָקס, וואָס איז אָנגעגרייט צו דער סודע פאר פרומע ייִדנ, אז מאָשיעכ וועט קומענ; איירעוו־ראוו — א געמיש פונ שוואָטימ, וואָס זענענ לויט דער ביבל ארויסגעגאנגענ צוזאמענ מיט די ייִדנ פונ מיצראימ; לויט די שפּעטערדיקע לעגענדעס האָט דאָס דער איירעוו־ראוו ארויסגעדרוקט אומצופרידנקײַט מיט מוישע ראבייִנו.

254. מאדכע געווענ — אָפּגעשטויסנ, אָפּגעלייגט.

255. יודייע — ווייסט; האָאָפּ חאזיע — אָט דאָס אָפּ; בעקאנטעמימ — מיט אסאכ (150) מאָטיוונ; מאזהיר זײַנ — וואָרענענ.

256. שאלעס־טשוועס (פראגעס־ענטפערס) — א סייפער, וואָס אנטהאלט ראבאָנישע ענטפערס אפ קאָנקרעטע פראגעס פונ רעליגיעזנ ריטואל; פּילפּל — סכאָלאסטישע קאזויסטיק, אבסטראקטע פארשפּיצטע דריידל־בקירעס.

257. אווירע — זינד; אבאל־סימכע — א מענטש, וואָס אָרדנט אײַנ א רעליגיעזע פײַערונג אונ לאדט אײַנ געסט.

258. דומע — שטאָט־פארוואלטונג.

259. ניט מײַנע זיבנ יאָר — ד. ה. א שלעכטע צײַט פאר מיר.

260. ניסראבע — פארמערט; ס'איז טאקע נאָר מאָשיעכ־צײַט — ד. ה., א צײַט, ווענ ס'איז פאראנ אסאכ אזעספּענעמער (לויט די רעליגיעזע ספאָרימ דארפ ערעוו מאָשיעכס אָנקומ פארשטארקט ווערנ די אויסגעלאסנקײַט אונ די אזעסדיקײַט).

261. מעשאָרעס אינ אכסאניע — „דינער" אינ אײַנפאָר־הײַזער. אינ די שטעט אונ שטעטלעכ פונ וואָלינער, קיִעווער אונ פּאָדאָלער גובערניעס זענענ אינ יענע יאָרנ געווענ אזא מינ טיפּ מעשאָרסימ, וואָס פלעגנ צוצאָלנ דעמ אכסאניע־באזיצער צו 100—200 רובל א יאָר (דורכשניטלעכער ביודזשעט פונ א פארמעגלעכער פאמיליע אינ יענע יאָרנ) „פאר זייער דינסט". לעבנ פלעגנ זיי פונ באשווינדלענ די געסט, פונ „נעדריזנעס" (געזעגנונגס־געלט) אונ אומגעזעצלעכע שטײַערנ אונ צינזנ, וואָס זיי פלעגנ בא די געסט אופּמאָנענ. די דאָזיקע לײַט האָבנ געפירט אנ ארט לעבנ פונ לעב־יונגענ; זיי פלעגנ אָפט אויסבויענ אייגענע מויערס אונ אריבערגייִנ אינ שטאנד פונ גילדיע־סאָכרימ. דער מינ מעשאָרסערײַ איז, נאָ־טירלעכ, געווענ א מיִעסע פארנאָסע אינ די אויגנ פונ דער ברייטער ייִדישער באפעלקערונג. זי ווערט דעריבער געשטעלט באנאנד מיט א קאָהאָל־מאנ, וואָס „האלט דעמ גוויר אינ ארענדע".

262. דריסאס האָרעגל — צוטריט, מעגלעכקײַט ארײַנצוקומענ.

263. גארגערעס — גאָרגל; שעמ — נאָמענ; באלד פאר זארעזי — א טאווטאלאָגיע: געשווינד, די מי־נוט; כושהאריעכ — כוש פונ שמעקנ.

264. פונ כמעלניצקיס צײַטנ — פונ גאָר לאנג (כמעלניצקי — אנ אוקראִינישער העטמאנ אינ מיטנ 17־טנ י.ה)

265. באס־ייִסראָעל — ייִדישע טאָכטער; דער אויסדרוק „קיינ „באס ייִסראָעל נייט מענ ניט" באטײַט, אז קיינ ייִדישע פרוי נייט מענ ניט צו לעבנ מיט איר מאנ, ווײַל זי קענ באקומענ געט לויט דער רעליגיע.

266. יעש קוינע אוילאָמוי בעשאָ אכאס — איינער קויפט (דערווערבט) זײַנ וועלט (יענע וועלט, גאַ־גיידנ) אינ איינ שאָ, ד. ה. מיט איינ מיצווע; מאסע־אומאטנ — געשעפט; לעקער — צונג־פלייש.

267. דאלעד־אל־דאלעד — פיר שפּאנ אפ פיר, גאָר א קליינער שטעטעכ.

268. מעמאלע ראָצנ זײַנ — אויספּילנ דעמ ווילנ, פאָלגנ.

269. מײַמעד — לאגע, צושטאנד; יעלאָלעס — קלאָגערײַענ.

270. מאלאכיי־מעליצימ — פארטיידיקער; פּריקאז — העכערער אדמיניסטראטיווער אנשטאלט אינ רוסלאנד אינ יענע צײַטנ; מעשאליעכ זײַנ — ארויסשיקנ.

271. זי האָט באפרײַט עטלעכע אונ צוואנציק מיליאָנ פויערימ — עס האנדלט זיכ וועגנ דער אזויגערופענער רעפאָרמ פונ דער „פויערימ־באפרײַונג" (אָפּשאפנ דאָס לײַבאייגנטומ־רעכט), וואָס עס האָט דורכגעפירט די רעגירונג פונ אלעקסאנדער II אינ 1861 יאָר. קעדיי אויסצומײַדנ די געפאר פונ א פויערשער רעוואָליוציע. לויט דער דאָזיקער רעפאָרמ זײַנענ אָפּגעשניטנ געוואָרנ פונ די פויערשע ווירטשאפטנ די בעסטע ערד־כאלאָקימ, פאר דער פארבלי־בענער בא די פויערימ ערד זײַנענ אײַנגעשטעלט געוואָרנ אומגעהייער גרויסע אָפּצאָלנ. דאָס פויערטומ איז, אזויארומ, אויכ אפ ווײַטער געבליבנ אינ די פריצישע לאפעס. געשטיצט האָבנ די „רעפאָרמ" פונ דער רעגירונג די בורזשואז־פּרי־צישע ליבעראלנ, אונ, ווי ס'איז צו זענ אויכ פונעמ טעקסט, די בורזשואזע ייִדישע מאסקילימ. פונ אזא בורזשואזנ שטאנדפּונקט שטאמענ עס וועקערס טיראדעס וועגנ דעמ, אז די רעגירונג „איז גוט, איז בארעמהארציק... זי ווינטשט איטלעכנ גליק, אויכ אונדז ייִדנ ווינטשט זי גליק" אונ (צומ סאָפ פונ דער פּיעסע) אז „גאָט זאָל געבנ אינ הארצנ פונ דער גוטער אונ פרומער אונ בארעמהארציקער רעגירונג, אז זי זאָל אפ דיר א בליק טונ מיט כעסער אונ מיט ראכמאָנעס... זי זאָל דיר געבנ מוט אונ דיכ נעמענ אונטער איר שוץ".

272. טויכעכע — טויט־קלאָלע; בעשאס דער כאָליערע — אפנ באָדנ פונ אומגעהײַערנ דאלעס אונ צוניפגעפּרעסטקײַט האָט אינ בערדיטשעוו אינ די יאָרנ 1848—1849 אויסגעבראָכנ א שרעקלעכע עפּידעמיע פונ כאָליערע. „גאנצע גאסנ זענענ געשטאנענ פּוסט, די מענטשנ פארשוווּנדנ... אלצ איז אויסגעשטאָרבנ, גלײַכ ווי נאָכ א שרעק־לעכנ סוינע" (מ. מארגוליס, „פונ מײַנע זיכרוינעס", „וואָסכאָד", 1895 באנד. 2).

273. עווייגימ — אָרעמעלײַט.

274. וועיינ באזיס אשער איינ שאָממעס — ניטאָ קיינ הויז, עס זאָל דאָרט ניט זײַנ קיינ טויטער.

275. הייליקע אָוועס — לעגענדארע אווראָמ, ייִצכאָק אונ יאנקעוו, וואָס פונ זיי שטאמענ לויט די רעליגיעזע ספאָרימ אלע ייִדנ; מוטער ראָכל — די פרוי פונ ביבלישנ יאנקעוו; לויט די לעגענדעס קלאָגט זי שטענדיק אפ

גאָלעס און אַף יידישע צאָרעס; ירמעיאָהו־האַנאָווי — דער נאָווי ירמעיאָהו, וואָס איז לויט דער ביבל פאַרטריבן געוואָרן צוזאַמען מיט די יידן פון יעהודע נאָכן כורבן פון ירושאָלאַיִם; ער זאָל עס האָבן פאַרפאַסט קלאָג־געזאַנגען וועגן כורבן.

276. איז נויטע לאָמעס — האַלט באַם שטאַרבן; לוי־יוצלעך — טויגעניכטס; שטאַרבן בינשי־קע — שטאַרבן דורך א קוש.

277. מאַכן א פלייטע — אָפּציִען, אַנטלויפן.

278. אַן אַווירע — א שאָד.

279. בעריטיע יעהאָ אַוו טיורמו — נעמט אים אין טורמע אַרײַן.

280. ראָגאַטקע — שלאַגבוים באַם אַרײַנפאָר אין שטאָט; די ראָגאַטקע פלעגט דינען פאַר אָפּשטעלן אַרײַנגעפאָ־רענע, קעדיי צו רעווידירן זייערע פּאַספּאָרטן און סכוירעס.

281. רעדיפעס — פאַרפאָלגונגען.

282. פלאַם־פײַער — אין בערדיטשעוו פלעגן אין יענע יאָרן אָפט פאָרקומען שרעקלעכע סרייפעס, וואָס האָבן כאָרעוו געמאַכט גאַנצע קוואַרטאַלן. איינע אַזאַ סרייפע באַשרײַבט מ. מאַרגוליס אין זײַנע מעמואַרן וועגן בערדיטשעוו.

283. גערוידעפּטע — פאַרפאָלגטע.

284. כײַעס־ראָעס — בייזע (ווילדע) כײַעס.

# מאַסאָעס ביניאָמין האַשלישי

## פאָרוואָרט.

1. האַקדאָמאַס מענדעלע מויכער־ספאָרים — פאָרעדע פון מענדעלע דעם פאַקנטרעגער. מיט דער דאָזיקער פאָרעדע פאַראָדירט דער אַוטער דעם סטיל פון די האַקדאָמעס (פאָרעדעס) צו די ראַבאָנישע ספאָרים, וואָס פלעגן אַרויסגעגעבן ווערן דורך די יאָרשים פון די מעכאַברים (פאַרפאַסער). פאַר די יאָרשים איז דאָס געווען אויך א פאַרנאָסע־געשעפט. זיי פלעגן נעמען בא ראַבאָנים האַסקאָמעס (רעקאָמענדאַציעס) צום מאַנוסקריפּט און אַרומפאָרן איבער שטעט און שטעטלעך צו זאַמלען פרענומעראַנטן (אַבאָנענטן) און גלאַט נעדאָוועס קלוימערשט אַף אַרויסצוגעבן דעם סי־פער. די האַקדאָמעס פלעגט שרײַבן ניט דער אַוטער, נאָר דער אַרויסגעבער אָדער דער ראָוו, וואָס גיט די האַסקאָמע. מערסטנטייל הייבן זיך די דאָזיקע האַקדאָמעס אָן מיט די ווערטער: „יִסהאַלעל האַבוירע — געלויבט איז דער בוירע (שעפער, גאָט), וואָס האָט באַשאַפן די גאַלגאַלים (הימל־קערפּער)". פאַר די דאָזיקע האַקדאָמעס איז כאַ־ראַקטעריסטיש אויך די מעליצעדיקע (פּאַטעטישע) באַרימערײַ „ס'איז נאָך אַזעלכע שמעקנדיקע געווירצ קיינמאָל בא יידן ניט געווען" און אויך דער אָנשטעל פון וועלן באַגליקן די וועלט „לאָמיר לאָזנ יידן אויך פאַרזוכן די פּאַטעקע, וואָס רינט פון יידישן בינשטאָק". פון די דאָזיקע האַקדאָמעס זענען אויך גענומען די פראַזעס, וואָס דריקן קלוימערשט אויס אַניוועס (באַשיידנקייט). „וועאַני מענדעלע... וואָס זייער מינדסטער פינגער איז גרעסער פון מײַנע לענדן" (ד. ה. איך האָב נים די ווערט צו פאָרענ זיך מיטן סייפער פונעם הייליקן זיידן), ווי אויך די מעליצעדיקע פראַזע „כ'האָב אָנגעגורט מײַנע לענדן ווי א גיבער". איינצײַטיק זענען פאַראַן אין דער דאָזיקער פאָרעדע סאַרקאַסטישע פּאַראָדיעס אַפן סטיל און אַף די זיטן פון די העברייִשע מאַסקילישע שרײַבער פון יענע צײַטן („דערווײַל פון יענעם בלאָטע געמאַכט", „דעם טײַערן אויצער איבערטראָגן אויך אין לאָשנקוידעש"). צום אַלגעמיינעם סאַרקאַסטיש־פּאַטעטישן סטיל פון „מאַסאָעס" און צום אַרונטע־רײַסן די ביניאָמינס איז די האַקדאָמע, ווו ס'איז נאָכגעמאַכט דער סטיל פון א „אייניקל", וואָס פאָרט אַרום מיט א פרעמדן כיבער (א מין ביניאָמין), מער ווי אָנגעמאָסטן.

2. מיקאָלשקן — אוואַדע שוין; באַל־אייצע — אַן אייצע־געבער.

3. קאַפּצאָנים, עוויוינם, דאַלפאָנים — סינאָנימען פון אָרעמעלײַט, שלעפערס.

4. ראַבויסים אָדער ראַבויסײַ — מײַנע האַרן (א העפלעכע ווענדונג־פאָרם צו אַן אוילעם בא פרומע יידן).

5. מעקוימעס — ערטער, קאַנטן; האָט דערמיט קוינע־שעמגעווען — איז דערמיט באַרימט געוואָרן.

6. אַרצויס־האַמיזרעך — מיזרעך־לענדער; אומבאַשטימטע ווײַטע קאַנטן.

7. קלייזײַען — געווער; קלאַלנים — אַבסאָליוט ניט; מאַסיג זײַן — באַגרײַפן, פאַרשטיין.

8. דער סייכל איז פונקט אַזוי נישט בעקויעך, ווי דער קויעך איז ניט בעסייכל — א פאַ־ראָדיע אַפן סטיל פון בעסמעדרעשדיקע דריידלעך און גלײַכצײַטיק א סאַרקאַזם אַף די ביניאָמינס. ריידנדיק וועגן בי־ניאָמינס קראַפט, זאָגט מענדעלע מיט א טאַוטאָלאָגיע, אַז דער סייכל איז פונקט אַזוי נישט אימשטאַנד (צו באַנעמען ביניאָמינס קראַפט), ווי די דאָזיקע קראַפט איז ניט צו פאַרשטיין מיטן סייכל. איינצײַטיק האָט אָבער די פראַזע א צווייטן באַטײַט: דער סייכל (דער זינען) פון דער נעסיִע (רײַזע) שטעקט נישט אין ביניאָמינס קראַפט, פונקט ווי אין דער קראַפט זײַנער שטעקט ניט קיין כאָכמע, ד. ה. אַלץ איז בא אים אָן סייכל און אָן קויעך; בעכאָל האָאויפאַנים — אַף יעדן אויפן.

9. אָדעם־האָרישן — דער ביבלישער אורשפּרינגלעכער מענטש (לויט די פאָרשטעלונגען פון די פרומע יידן גלײַכצײַטיק דער ערשטער יידישער כאָכעם און לאַמדן).

10. ביניאָמין דער ערשטער — ביניאָמין פון טודעלאָ (דאָרעם־שפּאַניע), זײַנע רײַזעס אין XII יאָרהונ־דערט זענען באַשריבן אין א סייפער „מאַסאָעס ביניאָמין מיטודעלאָ" (די רײַזעס פון ביניאָמין דעם טודעלער); ביניאָ־